בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס זָאל אִיךְ טוּן לְכָבוֹד מַיין יוֹם הוּלֶדֶת?............................א

דִי קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", קֶענֶען מַאכְן נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁטֶערְן פוּן
לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען?............................................ב

נָאכְ'ן דוּרְכְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין
אִין מִקְוֶה?..................................................ד

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ ווִיל אִיךְ זָאל זִיצְן אִין כּוֹלֵל, אוּן אִיךְ
הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי?..............................................ה

מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט?.............................יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


נִישְׁט מַאכְן קַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ............................א

נֶעם נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר אַז דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ...............ג

אַרְבֶּעטְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ............................ד

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוּן קוּמֶען בְּשָׁלוֹם...ה

עֶס זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אַ טָאג אָן לִימוּד הַתּוֹרָה............................ז

דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַארְף הָאבְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קַאסֶע פוּן הֲפָּצָה....ח

וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּם רֶבִּי'ן, וֵוייסְט מֶען זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיפְ'ן
רִיכְטִיגְן וֶועג..................................................ט

אַז דִי מַאמֶע אִיז רֵיין אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ רֵיין............................יא

זַייט אַ רוּקְן בֵּיין פַאר אַלֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער............................יג

לֵייג אַוֶועק דִי אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, אוּן צָאל שְׂכַר לִימוּד ............יג

חַבֶר זִיךְ נִישְׁט מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.....................יד

מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן נָאר דִי וָואס פַּארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן מוֹהֲרָא״שׁ ..........................................................................טו

שְׁרַייבּ בַּיים סוֹף פוּנֶעם תְּהִלִּים וֶוען אוּן וִויפִיל מָאל דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט ..........................................................................יז

אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר נָאר אֵיין עֵצָה: ׳תְּפִלָּה׳ ............................יז

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת ....יח

קוּם צוּם סִיּוּם מַסֶכֶת עֵירוּבִין ...............................כ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס זָאל אִיךְ טוּן לְכָבוֹד מַיין יוֹם הוּלֶדֶת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט בְּקָרוֹב מַיין יוֹם הוּלֶדֶת. וְויל אִיךְ פְרֶעגְן וְויאַזוֹי עֶס אוֹיסְצוּנוּצְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן אִין דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג - אִיז דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - שְׁפִּירְט מֶען דִי טַעַם וָואס צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אִין גַן עֵדֶן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דִי תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיז צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים צוּ לוֹיבְּן, וְויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וְוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, "כִּי כָּל מַה שֶּׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וְוי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

דֶער ריי"צ, דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר הַיּוֹם יוֹם (יא נִיסָן): "בְּיוֹם הַהוּלֶדֶת, עַל הָאָדָם לְהִתְבּוֹדֵד וּלְהַעֲלוֹת זִכְרוֹנוֹתָיו וּלְהִתְבּוֹנֵן בָּהֶם, וְהַצְּרִיכִים תִּקּוּן וּתְשׁוּבָה - יָשׁוּב וִיתַקְּנֵם", אִינֶעם גֶעבּוּרְטְס טָאג זָאל מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן אַרַיין טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן, לֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי קוּנְטְרֵסִים "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", קֶענֶען מַאכְן נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין מֵפִיץ דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; אִין יְשִׁיבוֹת, כּוֹלְלִים אוּן שׁוּלְן, אוּן אִיךְ זֶע מִיט דִי אוֹיגְן ווִי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא צְוֵויי זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר. אֵיינְס, אֶפְשָׁר וֶועלְן יוּנְגֶע בָּחוּרִים לֵיינֶען דִי זַאכְן, זֵיי הָאבְּן נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת אוּן יֶעצְט וֶועט דָאס זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט. צְוֵוייטְנְס, אַז אֶפְשָׁר וֶועלְן מֶענְטְשְׁן דָאס לֵיינֶען אִינְמִיטְן דַאוְונֶען אָדֶער לֶערְנֶען, אוּן דַאן וֶועט דִי אַלֶע בִּיטוּל תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה גֵיין אוֹיף מַיין חֶשְׁבּוֹן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דַיין שְׁאֵלָה ווִי דוּ זוּכְסְט חוֹזֶק צוּ מַאכְן; וָואס הָאבְּן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת מִיט נִסְיוֹנוֹת?! אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ מֵיינְסְט, פוּן וָואס פַאר אַ נִסְיוֹנוֹת רֶעדְסְטוּ? דִי סְפָרִים זֶענֶען מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם פַאר דִי וֶועלְט

דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְּלֶעגְט אַרוּם גֵיין רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן: ״עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב - פוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה)״, פוּן וָואס פַאר אַ נִסְיוֹנוֹת רֶעדְסְטוּ?!

לָאמִיר עֶפֶענֶען דִי סְפָרִים, לָאמִיר לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם דִי בְּרִיוּו; וָואס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים? וָואס שְׁטֵייט אִין דִי קוּנְטְרֵסִים? וָואס וֶועסְטוּ זֶען אִין דִי בְּרִיוּו? וָואס וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען דָארְט? נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל חִיזוּק פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב, מֶען זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס, נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה.

דִי סְפָרִים מַאכְן טְרַאכְטְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט?! עֶס קוּמְט אַרוֹיס יֶעדֶע רֶגַע אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל, יֶעדֶער בָּחוּר רַייסְט זִיךְ מִיט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן; וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט אִיז דָא דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹיסְגֶעלַאסְנְסְטֶע בִּילְדֶער, קְלִיפְּס אוּן מָאוּויס רַחֲמָנָא לִצְלָן; יוּנְגֶע קִינְדֶער הָאבְּן אִין טַאשׁ טֶעלֶעפָאנְס, אֵייפַּאדְס אָנְגֶעפִילְט מִיט מָאוּויס מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע גִלּוּי עֲרָיוֹת, בָּחוּרִים פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס רֶעדְט צוּ זֵיי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, קוּמְסְטוּ זָאגְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִסְיוֹנוֹת?!

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת (עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת): ״עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ אַזוֹיפִיל מִתְגַּבֵּר, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג״, עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר.

נָאר דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים קֶענֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר, בִּפְרַט דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים; זֵיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אַלֶעס אוֹיס מְסוּדָּר, עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט קַיין חִיזוּק, בֶּאֱמֶת גֵייעֶן זֵיי אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט. אוּן נָאר דִי סְפָרִים, דִי שְׁפְּרַאךְ - דָאס רַאטֶעוֶועט זֵיי.

די צְווייטֶע פְרַאגֶע אִיז נָאךְ מֶער חוֹזֶק; אֶפְשָׁר זָאל מֶען מֶער נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין סְפָרִים אִין שׁוּל וַוייל מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט'ן לֶערְנֶען אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען? אֶפְשָׁר זָאל מֶען אַרוֹיסְטְרָאגְן אַלֶע חֻמָּשִׁים אוּן תְּהִלִּים'ס וַוייל מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִכְשָׁל וֶוערְן נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען? עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דוּ זוּכְסְט חוֹזֶק צוּ מַאכְן.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט; וֶוער עֶס מַאכְט חוֹזֶק פוּן צַדִּיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה - דֶער מַאכְט חוֹזֶק פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק אִין מִשְׁלֵי (ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ", אוֹיב בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ נָאר קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוּן אוֹיב מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ נָאר פוּן דִיר אַלֵיין לֵיצָנוּת; וֶוען מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים מַאכְט מֶען נִישְׁט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיין. וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג אִין לֶעבְן וֶועט מֶען זֶען וֶוער עֶס אִיז דֶער חוֹזֶק.

וואוּ'ל אִיז דֶעם וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַלֶעמֶען, עֶר גֶעדֶענְקְט וָואס דִי סְפָרִים הָאבְּן גֶעטוּן מִיט אִים, עֶר אִיז מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת, ווִי דִי סְפָרִים הָאבְּן אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר פַארְגֶעסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט. פוּן אִינְדְרוֹיסְן הָאט עֶר אוֹיךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט אַזוֹי תְּמִימוּת'דִיג, אוּמְשׁוּלְדִיג, בַּא'חֵנְ'ט וְכוּ' אוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין דִי טוּמְאָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דֶער וֶועט אַלֶעס פַארֶרעכְטְן, דָאס וֶועט זַיין פַאר אִים אַ תִּיקוּן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה".

...

## נָאכְ'ן דוּרְכְגֵיין אַ שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בִּרְיוֹן, עֵצוֹת וְכוּ'.

אִיךְ ווִיל דָא מִיטְטֵיילְן אַ שְׁוֶוערֶע נוֹשֵׂא וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט קֵיינֶעם בִּיז הַיינְט נִישְׁט גֶערֶעדְט. מַיין טַאטֶע הָאט מִיר מְחַנֵךְ גֶעוֶוען צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה פוּן דִי בַּר מִצְוָה, עֶר

הָאט מִיר אֶנְגֶעזָאגְט נִשְׁט צוּ גֵיין וָוען עֶס אִיז שְׁטַארְק פוּל מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן אוֹיךְ נִשְׁט וָוען עֶס אִיז גָאר לֵיידִיג, נָאר וָוען עֶס אִיז דָא צוּם וֵוייניגְסְטְנְס זִיבְּן אַכְט מֶענְטְשְׁן, וַוייל אוֹיב עֶס אִיז לֵיידִיג קֶען מֶען אֶנְטְרֶעפְן דָארְט נִשְׁט קַיין רֵיינֶע מֶענְטְשְׁן. אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִירְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר.

פַאר כְּמְעַט אַ יָאר צוּרִיק, בִּין אִיךְ אַדוּרְךְ זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה ווִי יֶעדְן טָאג, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט עֶטְלִיכֶע אִידְן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי פוּן שׁוּל אוּן שְׁכֵנִים וְכַדוֹמֶה, אִיךְ בִּין אַרַיין אִין בּוֹר אוּן אוֹיף אֵיינְמָאל כַאפְּט מִיךְ אָן אַן אוּמְבַּאקַאנְטֶער פַארְשׁוֹין אוּן ווַייזְט מִיר צוּ זַיין שְׁטִיל, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן אִים אָבֶּער עֶס אִיז נִשְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ, אוּן עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאטַאפְּן אוֹיף אַן עֶקְלְדִיגְן וֶועג.

מִיךְ הָאט זֵייעֶר גֶעעֶקְלְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שְׁטַארְק שָׁאקִירְט, אִיךְ הָאבּ נִשְׁט גֶעשְׁרִיגְן פוּן רוֹב פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק; מַיין טַאטֶע פוּן אַלְס קִינְד זָאגְט מִיר אָן אַז עֶס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה אָנְצוּרִירְן וואוּ מֶען טָאר נִשְׁט אוּן יֶעצְט טוּט עֶר דָאס רַחֲמָנָא לִיצְלָן... אַזוֹי הָאט עֶר מִיר נִשְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בְּמֶשֶׁךְ אַ דְרֵיי פִיר מִינוּט, בִּיז אֵיינֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַרַיינְגֵייעֶנְדִיג אִין וַואסֶער, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט, כְּאִילוּ לֹא הָיָה.

אִיךְ בִּין גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִשְׁט גֶענוּמֶען קַיין שׁוֹיעֶר ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק גֶעשֶׁעמְט צוּ דֶערְצֵיילְן דָארְט וֶוער דָאס אִיז וְכוּ' וַוייל מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף מִיר אוֹיךְ ווִי אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶער בָּחוּר וָואס מֶען הָאט זִיךְ מִיאוּס בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אִים, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְוַוייטָאגְט. אִינְדֶערְהֵיים הָאט מֶען מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייְדְט אַז אַ חַבֵר אִין יְשִׁיבָה הָאט מִיךְ שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט, אוּן אִיךְ קֶען נִשְׁט זָאגְן פְּרָטִים.

נָאךְ אַפָּאר טֶעג הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט, אָבֶּער פוּן דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ נִשְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ נֶעם אַ הַאנְטוּךְ אוּן אִיךְ מַאךְ נַאס דִי פֵּיאוֹת מֶען זָאל מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אָבֶּער עֶס אִיז מַמָשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ. אֲפִילוּ עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר, וָואס אִיז אַן הֲלָכָה אַז מֶען מוּז גֵיין, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער ווִי נָאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעטוּן זֶענֶען אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּילְדֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיק אָנְגֶעטוּן אוּן אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט, הָאפְנְדִיג אַז קֵיינֶער הָאט נִשְׁט בַּאמֶערְקְט אַז אִיךְ בִּין גָאר אִין מִקְוֶה נִשְׁט אַרַיין.

אִיךְ בִּין קְלָאר בַּיי מִיר אַז אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶעטְרָאפְן הַיינְט דֶעם בַּאנְדִיט, וָואלְט אִיךְ אָנְגֶעזָאגְט אַנְדֶערֶע זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, וַוייל עֶר טְשֶׁעפֶּעט קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים,

אָבֶער זייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אִים נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן מִיר דִי אַלֶע פְּחָדִים, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ גָאר שְׁטַארְק צוּ גֵיין רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם אוֹיף דֶעם נוֹשֵׂא, אִיךְ הָאבּ צוּ זִיךְ אַלֵיינְס גֶעטְרַאכְט אַז אַפָּאר יָאר פַאר דֶעם בִּין אִיךְ דָאךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אִין אָרְדֶענוּנְג אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּפִיל מוֹרָא הָאבְּן, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי גָאר שְׁוֶוערֶע צוּשְׁטַאנְד וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר מִיךְ? אוֹיבּ יָא וֶועל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין עֵסֶק צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ פְּרָאבְּלֶעם; הַיינְט אִיז עֶס מִקְוֶה, מָארְגְן אִיז עֶס אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ; וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן פַארְשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ?

הֵייבּ צוּרִיק אָן גֵיין אִין מִקְוֶה, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם; נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, חַזֵר טָאג אוּן נַאכְט: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר, אוּן נֶעבְּן מִיר', דַאן וֶועט דִיר נִישְׁט פַּאסִירְן קֵיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְטֶע הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא, הָאט זִי גֶענוּמֶען זַאמְד פוּן אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס, וֶוען רֶבִּי חֲנִינָא הָאט בַּאמֶערְקְט וָואס זִי וִויל טוּן הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְיעַת זִילִי עֲבִידִי", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן כִּישׁוּף וִויפִיל דוּ וִוילְסְט, עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט קֵיין מוֹרָא.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה וֶועלְן דִי שֵׁדִים אוּן קְלִיפּוֹת נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר; דִי מְנֻוָּלִים דֶערְשְׁמֶעקְן שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי פְּרוּבִּירְן נִישְׁט צוּצוּגֵיין צוּ שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, וֶוען עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען מְטַמֵּא זַיין

אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וַואקְלֶען זִיךְ, עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כה, יח): "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ", עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי אַלֶע שְׁוַואכֶע וָואס דִי וָואלְקְן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן; דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ, עֲמָלֵק הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִיר, רֶעד צוּ אִים, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרַיינְט, רֶעד צוּ אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן זֶעלְבְּסְט-זִיכֶערְקֵייט (סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס) דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל וֶוען אַזוֹינְס פַּאסִירְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ וִויל אִיךְ זָאל זִיצְן אִין כּוֹלֵל, אוּן אִיךְ הַאלְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל קוֹדֶם דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע חִיזוּק, דְרָשׁוֹת, שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ אַלֶץ גֶעהֵייסְן אַ גוּטֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעפָּאפְּט. לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָבֶער גָארְנִישְׁט פַארְדִינְט דֶערְפוּן וַוייל וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שִׁידוּכִים הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן מַסַּלְתָּהּ וּמִשְׁמְנָהּ אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעהֶערִיגֶע אָפֶּענֶע קֶשֶׁר מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן מַיין שִׁידוּךְ הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט. מַיין וַוייבּ אִיז טַאקֶע אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, אַ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹי מִיט אַלֶע פֵּרוּשִׁים, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז זִי אוֹיף סַאךְ אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה וִוי מִיר.

פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן, אָבֶער נָאךְ אַפָּאר יָאר אִיז עֶס גֶעוָוארְן עֶרְגֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁטוּפְּט אִין כּוֹלֵל גַאנְצֶע טֶעג אוּן אִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז

אִיךְ לֶערְן, אִיךְ הָאב מַמָשׁ גֶעלֶעבְּט אַ טָאפְּלְטֶע לֶעבְּן אִין מַמָשׁ יֶעדֶע טְרִיט.

יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג, הָאב אִיךְ זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַבִּיסְל צוּ עֶפֶּענֶען; אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַז אִיךְ טְרַאכְט פוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן ווייל כּוֹלֵל אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אָבֶּער זִי זָאגְט אַז זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, "וָואס הָאב אִיךְ אַז דוּ גֵייסְט אַרְבֶּעטְן?"

אִיךְ הָאב בֶּאֱמֶת רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר, זִי אִיז גְרֵייט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַבִּי אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אִין כּוֹלֵל. אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶעם לֶעצְטְן מֶענְטְשׁ וֶועם דוּ וֶועסְט קֶענֶען אוֹיסְפָּאפְּן אִיז דַיין ווייב; אַ וַוייב קֶען מֶען נִישְׁט פָּאפְּן, דִי וַוייב אִיז פוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס קֶענֶען גָאר גוּט זֵייעֶר מַאן, זֵיי וֵוייסְן וֶוער דֶער מַאן אִיז, אוֹיב עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אָדֶער נִישְׁט; מִיט אַ וַוייב קֶען מֶען נִישְׁט אַרוּם שְׁפִּילְן.

דֶערִיבֶּער אִיז אַ שָׁאד סְתָּם צוּ זִיצְן אִין כּוֹלֵל אוּן זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז זִי וֶועט מֵיינֶען דוּ לֶערְנְסְט; אַז דוּ בַּטְלְ'סְט דִי צַייט זָאלְסְטוּ וָואס פְרִיעֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן כּוֹלֵל. בַּטְלָ'ן צַייט אִיז אַ סַכָּנָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", אַז מֶען בַּטְלְ'ט צַייט קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען דֶעפְּרֶעסְט; גֵיין לֵיידִיג אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, מֶען פַארְלִירְט דֶעם טַעַם פוּן לֶעבְּן, מֶען פַארְלִירְט דֶעם טַעַם פוּן אַלֶעס.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען אַרְבֶּעט? אַרְבֶּעטְן אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט זַיין עֶרְלִיךְ, אַרְבֶּעטְן אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶס זֶענֶען דָא הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער עֶרְלִיכֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים יִרְאֵי הַשֵּׁם וָואס אַרְבֶּעטְן רוֹב טָאג אוּן אִין דִי אִיבְּרִיגֶע צַייט זֶענֶען זֵיי זִיךְ קוֹבֵעַ צַייט צוּ לֶערְנֶען. זֵיי הֵייבְּן אָן דֶעם טָאג פַארְטָאגְס מִיט תּוֹרָה

וּתְפִלָּה, אִינְמִיטְן טָאג כַאפְּן זֵיי וַוייטֶער אַרוֹיס תּוֹרָה אוּן בַּיינַאכְט זֶענֶען זֵיי זִיךְ ווִידֶערְאַמָאל קוֹבֵעַ צַייט צוּ לֶערְנֶען.

טַעֲנָה זִיךְ נִשְׁט מִיט דַיין ווַייבּ; זִי ווִיל נִשְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, זִי ווִיל אַ גוּטֶע לֶעבְּן, זִי ווִיל אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם. עֶס שְׁטֶערְט אִיר צוּ זֶען ווִי דוּ שְׁפִּילְסְט אַרוּם מִיט אִיר, עֶס שְׁטֶערְט אִיר אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ נִשְׁט אוֹיף עֶרְלִיךְ, זִי הָאט מוֹרָא אַז ווֶען דוּ ווֶעסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן ווֶעט עֶס ווֶערְן נָאךְ עֶרְגֶער, אָבֶּער אַז דוּ ווֶעסְט אָנְפִּילְן דַיין צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן, דוּ ווֶעסְט נִשְׁט גֵיין לֵיידִיג - ווֶעט זִי אָנְהֵייבְּן הַאלְטְן פוּן דִיר, זִי ווֶעט דִיר מַחְשִׁיב זַיין.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ זִיסֶע ווֶעג ווֶעג צוּ לֶערְנֶען, אַ ווֶעג פַאר אַלֶעמֶען, נִשְׁט קַיין אוּנְטֶערְשִׁיד אַ גוּטֶע קָאפּ - אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ, נִשְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הַאלְט יָא בַּיים לֶערְנֶען אָדֶער מֶען הַאלְט נִשְׁט בַּיים לֶערְנֶען, דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד אַרְבֶּעט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, הֵייבּ אָן זוּנְטָאג דִי פַּרְשָׁה בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער פוּן שֵׁנִי בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי עֶנְדֶע וָואךְ ווֶעסְטוּ הָאבְּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דֶער וָואס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דִי תַּרְגּוּם ווֶעט לַאנְג לֶעבְּן; דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'עֶנְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרַ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם ווֶעג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען ווֶעט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן לֶערְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, קוּק נִשְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִשְׁט, דוּ זָאג דִי ווֶערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת. יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ דֶערְפוּן, אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", ווֶער עֶס ווִיל

לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְלָא יָדַע", אָבֶּער וִוייַבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד"; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס אוּן גֵיי כְּסִדְרָן, דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא דָאס פַארְבְּרֶענְט דֶעם יֵצֶר הָרָע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד" גִימַטְרִיָא שֶׁל הַקְלִיפָּה הַמַּחְטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ רְפוּאָה פַאר'ן יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן אִים, "אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר תּוֹרָה וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אָבֶּער אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אִיז מֶען אוּנְטֶער אִים.

אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דַיין טָאג, דַיינֶע טֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן - וֶועט דַיין וַוייבּ קוּקְן אוֹיף דִיר מִיט כָּבוֹד, מִיט הַעֲרָצָה; זִי וֶועט דִיר מַחְשִׁיב זַיין אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועג פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִין דֶעם זְכוּת גֵיי אִיךְ יֶעצְט עֶנְדִיגְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִין דִי ווִינְטֶער חֲדָשִׁים אִיז מִיר אַבִּיסְל שְׁוֶוער מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין בַּייטָאג, וַוייל אִיךְ אַרְבֶּעט רוֹב טָאג, אוֹיבּ מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בַּיינַאכְט, אָדֶער מוּז אִיךְ זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דַוְקָא בַּייטָאג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה מִיט רַשִׁ״י קֶען מֶען לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיטְ׳ן תַּרְגּוּם אֲפִילוּ בַּיינַאכְט, אָבֶער חוּמָשׁ אַלֵיינְס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ״ל מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען בַּיינַאכְט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן).

זַיי שְׁטַארְק מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט אֵיין וָואךְ וָואס מוֹהֲרַ״אשׁ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. מוֹהֲרַ״אשׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ׳ן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): ״אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״; אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה צְוֵויי מָאל חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן

דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז בֶּעטְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אָנְהֵייבּ וָואךְ טוּן דִי מִצְוָה, אֲפִילוּ דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר הַנְהָגַת הַלִּימּוּד [ע' שנז]) מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת; אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף קוּקְן צִי מֶען טוּט טַאקֶע יֶעדֶע וָואךְ אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה פַארְלַאנְגְט, וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקֶ'נְט (שָׁם, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם מִצְוָה, וַוייל מֶענְטְשְׁן זוּכְן שְׁלֵימוּת, מֶען וִויל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט - מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן וִויבַּאלְד עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת, בִּפְרַט וִוינְטֶער וֶוען דֶער זְמַן אִיז זֵייעֶר פְּרִי, דֶערְפַאר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אָבֶער אַז מֶען גֵייט מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ בִּכְלַל מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר, אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה (שָׁם) בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן סֵפֶר מַטֵּה יְהוּדָה: "אִם הוּא קוֹרֵא מִתְּחִלַּת הַשָּׁבוּעַ וְהָלְאָה, הוּא גַּם כֵּן בִּכְלַל מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נִישְׁט מַאכְן קַיין נֵייעֶ מִנְהָגִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז דוּ פִּירְסְט אַיין נֵייעֶ מְשׁוּגַעַתְ׳ן אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין גַבְּאַי אִינֶעם נֵייעֶם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, זָאלְסְט עֶס פִירְן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין יְשִׁיבָה, אָן קַיין שׁוּם עֶנְדֶערוּנְג. יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט טְשָׁאלְנְט אוּן קוּגְל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פַארְ׳ן דַאוֶונֶען, מֶען עֶסְט אִינְאֵיינֶעם פַאר מִנְחָה אוּן קַבָּלַת שַׁבָּת; בִּיסְט אוֹיפְ׳ן קָאפּ גֶעפַאלְן? אַזוֹי פִירְט מֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ?!

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען וַוארְט אָפּ דֶעם שַׁבָּת, מֶען זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים, מֶען בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּנֶעם וָואכֶענְדִיגְן גֶעיֶעג. נָאךְ לִיכְט צִינְדְן זִיצְט דֶער טַאטֶע מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זִינְגְט מִיט זֵיי שִׁיר הַשִּׁירִים מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט, עֶס שְׁרֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם אִיד (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, ב): ״אֲנִי יְשֵׁנָה״ - אִיךְ בִּין שְׁלָאפֶעדִיג, אִיךְ בִּין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיד, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת וֶוערְט: ״וְלִבִּי עֵר״, אִיךְ וֶועק זִיךְ אוֹיף צוּ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער. דֶער אִיד גֵייט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט (שָׁם א, ו): ״אַל תִּרְאוּנִי שֶׁאֲנִי שְׁחַרְחֹרֶת״ קוּק נִישְׁט אוֹיף מַיין שְׁוַוארְצְקֵייט, אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - ״שֶׁשֱּׁזָפַתְנִי הַשָּׁמֶשׁ״, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר; עֶרֶב שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס דֶעם אֱמֶת, מֶען זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם ו, ג): ״אֲנִי לְדוֹדִי״, אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער,

**בַּאַוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, אִיךְ ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ - "וְדוֹדִי לִי".**

אַנְשְׁטָאט זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים זִיצְטוּ אִין שׁוּל מִיט טְשָׁאלְנְט אוּן קוּגְל?! שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ג, א): "לַכֹּל זְמָן", יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ צַייט; מַאכְסְט אַ טְשָׁאלְנְט פוּן דַאוֶוענֶען אוּן עֶסְן?! אַז דִי מִתְפַּלְלִים זֶענֶען הוּנְגֶערִיג קֶענְסְטוּ דַאוֶוענֶען אַבִּיסְל פְּרִיעֶר מֶען זָאל קֶענֶען אַהֵיים גֵיין מַאכְן אַ סְעוּדָה מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דוּ טְרָאגְסְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת, דוּ בִּיסְט גַבְּאַי בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְפְסְטוּ זֶען אַז דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אָן קַיין נֵייעֶ זַאכְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעבּוֹיט דֶעם שְׁטֶעטְל אַז מֶען זָאל אָפְּטְרֶעטְן פוּן אוּנְזֶער וֶועג, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעגֶנְטֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן צִיעֶן זִיךְ אַוֶועק, זֵיי ווִילְן אַרָאפּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דֶעם אַמָאלִיגְן וֶועג; אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מִיר צִיעֶן זִיךְ אַוֶועק פוּן שְׁטָאט וַוייל מִיר ווִילְן אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ בְּלַייבְּן מִיט מְסוֹרֶת אֲבוֹתֵינוּ וְרַבּוֹתֵינוּ, חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דֶעם אַמָאלִיגְן אִיד, חַס וְשָׁלוֹם מְשַׁנֶה זַיין פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִינְגֶעלַייט וֶועלְכֶע קוּמֶען אִין שׁוּל אָן שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], פַארְוָואס זֵיי וַוארְפְן אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי וֶועג ווִי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אוֹיבּ דָאס אִיז דִי מַטָרָה פוּן גֵיין אִין שְׁטֶעטְל, מֶען זָאל קֶענֶען אַרָאפּ וַוארְפְן מִנְהָגִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן - זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין זֵכֶר פוּן דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל; מַיין גַאנְצֶע כַּוָנָה מִיטְ'ן שְׁטֶעטְל אִיז נָאר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אִינֶעם מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵר (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג) וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער פִירֶער פוּן לַאנְד אִיז אַן אַפִּיקוֹרֶס - הָאט עֶר צַאמְגֶערוּפְן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר זֶעט דָאךְ אַז דֶער פִירֶער פוּן לַאנְד אִיז אַן אַפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע לַאנְד פַאר אַפִּיקוֹרְסִים אוּן אַ טֵייל פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ אַפִּיקוֹרְסִים, בְּכֵן לָאמִיר זִיךְ אַוֶועק לָאזְן אִין מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה אִין גָאט בָּרוּךְ הוּא".

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, י"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל, אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל. פָּארִיגֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַייךְ אוֹיף שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דוּ קוּמְסְט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אָנֶעם שְׁטְרַיימְל, וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט שְׁוֶוער אַז דוּ זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל - בַּיי אַלֶע תְּפִילוֹת - מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער וָואס כַאפְּן אוֹיף דִירֶעקְט אוּן אוּמְדִירֶעקְט יֶעדֶע רִיר פוּן עֶלְטֶערְן, וֶועלְן זֵיי שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין שַׁבָּת מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל.

אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע פְּרַט וְוִי דוּ פִירְסְט זִיךְ, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין אַ דַרְגָה פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת בִּיז אַהֶער; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט דֶעם שְׁטֶעטְל אוֹיף אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דָאס חֲסִידִישְׁקֵייט, נָאר אוֹיף צוּ וֶוערְן מֶער חֲסִידִי'שׁ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דוּ קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אִין שְׁטֶעטְל.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.]

...

**נֶעם נִישְׁט קֵיין פְּרֶעשׁוּר אַז דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דַיינֶע מְלַמְּדִים אַז דוּ בִּיסְט אַ וואוֹיל קִינְד, דוּ

פִירְסְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר דֶרֶךְ אֶרֶץ"; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַסַאךְ נַחַת.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען - מִשְׁנַיוֹת אָדֶער גְמָרָא; אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וֶוען דוּ קוּמְסְט צוּ אַ שִׂמְחָה וואוּ עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל פוּן אַסַאךְ סָארְטְן עֶסְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַייעֶר שְׁפַּייז, טוּנַא פִּישׁ אוּן אַ סַאלַאט - פוּן וָואס וָואלְסְטוּ גֶענוּמֶען? אִיךְ מֵיין דוּ וָואלְסְט גֶענוּמֶען פוּן אַלֶעס אַבִּיסְל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען. דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי וְוי אַ טִישׁ מִיט עֶסְן, "כְּשֻׁלְחָן הֶעָרוּךְ וּמוּכָן לֶאֱכֹל (רַשִׁ"י שְׁמוֹת כא, א)"; זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

נֶעם נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר אַז דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען אַסַאךְ, לֶערְן אַבִּיסְל פוּן אַלֶעס. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן 'מְעַט גַם כֵּן טוֹב, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט'; פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען".

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים, זֵיי זָאלְן הָאבְּן חִיזוּק פוּן דֶעם; זֵיי זָאלְן אַלֶע אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַרְבֶּעטְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן אִין אָפִּיס; דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶס פַאר מִיר. זַייט דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט, זַייט מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסְדוֹת גֵיי אִיךְ אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ דִי אַלֶע סָארְט זַאכְן; זַיין אַ שַׁמָּשׁ פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס גֵייט

אַרִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר בִּלְבּוּלִים אוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וָוען מֶען טוּט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט וָוען מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה וואוּ מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער צוּ לֶעבְּן מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט דִּי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָארְט וֶוערְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זֵייעֶר ווילְד אוּן זוּכְט ווִי עֶר קֶען צֶעבְּרֶעכְן דִּי וָואס בּוֹיעֶן דָאס.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר יֶעדֶע שָׁעָה; אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג אָפְּגֶעלָאזְט וֶוען עֶס וָואלְט אַרִיבֶּער אַ פְּרָאצֶענְט וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער, דָאךְ בִּין אִיךְ בַּיי מִיר פֶּעלְזְן פֶּעסְט נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן מַיין אַרְבֶּעט, נָאר וַוייטֶער אָנְגֵיין אוּן צוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וֶועם אִיר זֶענְט מְשַׁמֵּשׁ; אִיר זָאלְט הָאבְּן דִּי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן גֶעטְרֵייִ פַּארְ'ן רֶבִּי'ן אוּן אִיר זָאלְט הָאבְּן דִּי כֹּחַ דֶערְצוּ (דָּנִיֵּאל א, ד): "וַאֲשֶׁר כֹּחַ בָּהֶם לַעֲמֹד בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ", נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִּי קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אוּן קוּמֶען בְּשָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן אַז דָאס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן, מֶען הָאט פַארְגֶעסְן אַייעֶר טָאכְטֶער; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם אַהֵיים, אִיךְ וֶועל רֶעדְן אִין סְקוּל מֶען זָאל זַיין מֶער פָּארְזִיכְטִיג.

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שִׁיקְט דִּי קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִּי מְזוּזָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף דִּי קִינְדֶער זָאלְן אַהֵיים קוּמֶען גֶעזוּנְט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר גוּטֶע חֲבֵרִים, גוּטֶע חַבֶרְטֶ'עס"; מֶען וֵוייסְט

נִישְׁט וָואס קֶען פַּאסִירְן גֵייעֶנְדִיג אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קוּמֶענְדִיג פוּן חֵדֶר אוּן פוּן סְקוּל, אוּן וָואס דִי קִינְדֶער טוּעֶן אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (סִדּוּר עֵת רָצוֹן) וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וִוי חָשׁוּב אוּן וִויכְטִיג דִי קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אִיז וָואלְט מֶען דָאס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, וַוייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן וֶוען מֶען בֶּעט אִינְדֶערְפְרִי דֶעם קְלֵיינֶעם יְהִי רָצוֹן: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקַי וֵאלֹקֵי אֲבוֹתַי", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "שֶׁתַּצִּילֵנִי הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם", אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אָפְּהִיטְן, "מֵעַזֵּי פָנִים", פוּן עַזּוּת פְּנִימְ'עֶר, "וּמֵעַזּוּת פָּנִים", אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עַזּוּת פָּנִים צוּ אַנְדֶערֶע. "מֵאָדָם רָע", פוּן אַ שְׁלֶעכְטְן מֶענְטְשׁ, "מִיֵּצֶר רָע", פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּמֵחָבֵר רָע", פוּן אַ שְׁלֶעכְטְן חַבֵר, "וּמִשָּׁכֵן רָע", פוּן אַ שְׁלֶעכְטְן שָׁכֵן, "וּמִפֶּגַע רָע", אוּן פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע בַּאגֶעגֶענִישׁ, "מֵעַיִן הָרָע", פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן שְׁלֶעכְט, "מִלָּשׁוֹן הָרָע", פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְט, "מִמַּלְשִׁינוּת", קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט מַסֶרְ'ן, "מֵעֵדוּת שֶׁקֶר", מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן אוֹיף מִיר קַיין פַאלְשֶׁע עֵדוּת. "מִשִּׂנְאַת הַבְּרִיּוֹת", פוּן פַיינְט הָאבְּן מֶענְטְשְׁן, "מֵעֲלִילָה", פוּן פַאלְשֶׁע בַּאשׁוּלְדִיגוּנְגֶען, "מִמִּיתָה מְשֻׁנָּה", פוּן אוּמְנַאטִירְלִיכְן טוֹיט, "מֵחֳלָיִם רָעִים", פוּן שְׁלֶעכְטֶע קְרַאנְקְהֵייטְן, "מִמִּקְרִים רָעִים", פוּן שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְגֶען, "וּמִשָּׂטָן הַמַּשְׁחִית", פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטְן שָׂטָן, "מִדִּין קָשֶׁה", פוּן אַ שְׁוֶוערְן דִין, "וּמִבַּעַל דִּין קָשֶׁה", פוּן אַ שְׁוֶוערְן בַּעַל דִין, "בֵּין שֶׁהוּא בֶן בְּרִית", סֵיי אוֹיבּ עֶר אִיז אַ אִיד, "וּבֵין שֶׁאֵינוֹ בֶן בְּרִית", אוּן סֵיי וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אִיד, "וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם", אוּן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ פוּן גֵיהִנֹּם.

נָאךְ אֵיין קְלֵיינִיקֵייט, וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַמָאל אַז דִי בָּאס פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דָאס גֶעטְרֵייַשַׁאפְט פוּן אוּנְזֶערֶע דְרֵייוֶוערְס, דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן הַבָּחוּר ... וִוי עֶר טְרָאגְט אוּן בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אָן קַיין שׁוּם בַּאצָאלוּנְג; עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר וִויל נָאר הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן. אוּן וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט אַ מֵיידֶל אִין סְקוּל דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט פוּן אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס וָואס זֵיי לֵייגְן אַרַיין זֵייעֶר לַייבּ אוּן לֶעבְּן פַאר אוּנְזֶער סְקוּל; דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס זָאל נִישְׁט דוּרְכְגֵיין אַ טָאג אָן לִימּוּד הַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַ שָׁאד דֶעם טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן לֶערְנֶען; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְגֶעסְן וָואס דֶער רֶבִּי וויל פוּן אוּנְז? פַארְוָואס זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן?! מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען פוּן דִי נִידֶערִיגְסְטֶע פְּלַאץ - נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא; דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל, בִּתְחִלַּת הַסֵּפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן הֲלָכָה, זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן פוּן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט וויכְטִיג אַן עִיקָר וְכוּ'; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. הֵייבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען, דִי הַיינְטִיגֶע דַף אִיז מַסֶכֶת עֵירוּבִין דַף צח. לֶערְן אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא וֶועט דִיר אִינְגַאנְצְן אוֹיסְוַואשְׁן פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְס.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְנֶעמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת, תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה - זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ סִיּוּם מַסֶּכֶת עֵירוּבִין אוּן הַתְחָלַת מַסֶּכֶת פְּסָחִים; אִיךְ וַוארְט דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קַאסֶע פוּן הַקֻּפָּה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי גַבָּאִים פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זְכִיָּה דָאס אִיז, צוּ קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מֶען שְׁפָּארְט זִיךְ אַיין מִיטְ'ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֵירוּבִין נד.): "תַּלְמִיד אֶחָד הָיָה לוֹ לְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר שֶׁנִּתְחַיֵּב שְׂרֵפָה לַמָּקוֹם", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה אוּן עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ גְזֵירָה אַז עֶר גֵייט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. "אָמְרוּ הַנִּיחוּ לוֹ", הָאט מֶען גֶעזָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִים גָארְנִישְׁט טוּן, "אָדָם גָּדוֹל שִׁמֵּשׁ", בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט בַּאדִינְט זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ צַדִּיק, מֶען וֶוערְט נִיצוֹל פוּן שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין שֵׁיין אוּן מְסוּדָר, מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען עֶס זָאל זַיין סֵדֶר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

מִישְׁט נִישְׁט קַיין יוֹצְרוֹת; גֶעלְט פוּן הַקֻּפָּה גֵייט פַאר הַקֻּפָּה אוּן דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קַאסֶע. שְׁטֶעלְט אַ צֶעטְל: "וֶוער עֶס וִויל דִי זְכוּת צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל" אוּן מַאכְט אַ טָאוְול וֶוער עֶס אִיז מְנַדֵּב דִי קִידוּשׁ אָדֶער דִי שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; אוֹיךְ קֶען מֶען פְרֶעגְן מִשְׁפָּחוֹת אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל בְּרֶענְגֶען מְזוֹנוֹת פַארְ'ן קִידוּשׁ אוּן עֶסְן פַאר שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. בַּיי אוּנְז זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס מַאכְן מְזוֹנוֹת פַאר דִי קִידוּשׁ, עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דִי זְכוּת, זֵיי וִוילְן הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ בַּאקְן אַ קֶעיק פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ אִיז דָא וָואס מַאכְן עֶפֶּעס פַאר שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם; גֶעבְּט אַ קוּק וָואס אִיר הָאט

אוּיפְגֶעטוּן אִין אַזַא קוּרְצֶע צַייט, נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן! מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין אַמֶערִיקֶע שְׁטֵייעֶן אוּן שְׁטוֹינֶען וָואס אִיר טוּט, וִוי שְׁטַארְק אִיר זֶענְט. מִיר זֶענֶען אַלֶע מְקַנֵּא אַייעֶר הֲפָצָה, מַמָּשׁ נִישְׁט מַשִּׂיג צוּ זַיין וָואס אַפָּאר חֲבֵרִים, אַפָּאר אִינְגֶעלַייט - קֶענֶען אַלֶץ מַאכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, אִיר וֶועט אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּם רֶבִּי'ן, וַוייסְט מֶען זִיךְ צוּ פִירְן אוּיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', צְפַת.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְ אַייעֶר בְּרִיוו.

פַּארְוָואס זֶענְט אִיר גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם בְּרִיוו? אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט הַיינְט בַּיים רֶבִּי'ן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִיר זֶענְט גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי טוּנְקֶעלֶע לֶעבְּן, פַּארְוָואס הָאט אִיר דָאס גֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁלֶעכְטֶע וֶועג?

עֶס אִיז נִישְׁט אַייעֶר שׁוּלְד, אַלֶע וַואקְסְן אַזוֹי אוֹיף; אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דֶעם זֶעלְבְּן גְרוּבּ, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט פַּאר אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אַז זַיין פְּרוּם אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז נָאר אִיךְ בִּין אַ אִיד וְכוּ' וְכוּ', בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְלֵיין סֵפֶרְ'ל אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק כז אוּן עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט; אִיךְ הָאבּ צוּבִּיסְלִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אֱמֶתְ'עֶ לִיכְטִיגְקֵייט.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר וַוייטֶער טוּן אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, לִיכְטִיג מַאכְן פַאר דִי וָואס גֵייעֶן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סוֹטָה כא.) אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְס שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעשְׁטֶעכְן פוּן

דֶערְנֶער און נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין גְרוּבֶּער, אוֹיךְ הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן רוֹיבֶּער און פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת און אַ דְרִיטֶע צָרָה הָאט עֶר גֶעהַאט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו צוּ גֵיין, פְּלוּצְלוּנְג: "נִזְדַּמְּנָה לוֹ אֲבוּקָה שֶׁל אוּר", עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ פַאקְל פֵייעֶר, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט זֶען וואו צוּ גֵיין און עֶר הָאט מֶער נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי דֶערְנֶער און גְרוּבֶּער אָבֶּער עֶר הָאט נָאכְאַלְץ מוֹרָא גֶעהַאט פוּן רוֹיבֶּער און חַיוֹת רָעוֹת, אוֹיךְ הָאט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו צוּ גֵיין, "כֵּיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר", וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן טָאג הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן רוֹיבֶּער און חַיוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואו צוּ גֵיין, "הִגִּיעַ לְפָרָשַׁת דְּרָכִים נִיצַל מִכּוּלָם".

דָאס אִיז וֶוען מֶען בַּאקוּמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִין אַ טוּנְקֶלְקֵייט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וואו צוּ גֵיין, מֶען הָאט מוֹרָא וְכוּ' וְכוּ', בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ פַאקְל פֵייעֶר. מֶען בַּאקוּמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל, עֶס וֶוערְט טָאג און מֶען זֶעט אַ פָּרָשַׁת דְרָכִים, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן הֶערְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶוערְט לִיכְטִיג, מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**דִי פְרוּמֶע דִמְיוֹנוֹת און דִי פְרוּמֶע רִשְׁעוּת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת און פְּרָטִים וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַייךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע דִמְיוֹנוֹת און פִינְסְטֶערְנִישׁ; פוּן דִי פְרוּמֶע דִמְיוֹנוֹת, פוּן דִי פְרוּמֶע רִשְׁעוּת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דָאס וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רָאפְּשִׁיצֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְּרוּ"ם אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פִּ'יל רְ'שְׁעוּת וֵ'ויינִיג מִ'צְוֹת; דִי פְרוּמֶע רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען טָאג און נַאכְט מִיט מַחֲלֹקֶת - דִי זֶענֶען אִין אַ בִּיטֶערֶע פְּלָאנְטֶער, דִי קֶענֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס תְּשׁוּבָה אִיז, בַּיי זֵיי אִיז תְּשׁוּבָה

מַאכְן נָאךְ מֶער מַחֲלֹקֶת, בַּיי זֵיי אִיז תְּשׁוּבָה וֶוערְן נָאךְ מֶער רָשָׁע; זֶעלְטְן וָואס מֶען זֶעט דִי זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זֵייעֶר פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעטְקֵייט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן פְרוּמֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען פַארְקְרָאכְן אִין טִיפֶע זִינְד, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה, בַּיי זֵיי אִיז וִוי מֶער אָפְּגֶעשֵׁיידְט - מֶער עֶרְלִיךְ, וִוי מֶער טוּנְקֶל - מֶער צְנִיעוּת, וִוי מֶער שְׁלֶעכְט - אִיז מֶען אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג; דִי זֶענֶען אִין זֵייעֶר אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, דִי אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זֵיי זָאלְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל וֶוען זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה פַארְקְרִיכְן זֵיי מֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי רְשָׁעִים אִין סְדוֹם; זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן רִשְׁעוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יג, יג): "וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁלֶעכְטֶע זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, "לַה' מְאֹד", אַלְץ הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י): דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַלְץ מֶער שְׁלֶעכְט, וַוייל זֵיי וִוילְן חֲרָטָה הָאבְּן, זֵיי וִוילְן תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז תְּשׁוּבָה, וָואס אִיז חֲרָטָה - טוּעֶן זֵיי מֶער אוּן מֶער רִשְׁעוּת.

דָאס אִיז אַלֶעס בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן - עֶפְנְט זִיךְ אַ נֵייעֶ וֶועלְט, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייטְן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען דֶעם אֱמֶת, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען זוּכְט נִישְׁט קֵיין מַחֲלֹקֶת, מֶען זוּכְט נִישְׁט קֵיין חוּמְרוֹת, קֵיין פְּרִישׁוּת, מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן חַיּוּת פוּן זַיין אַ אִיד, פוּן טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

ווּאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעבְּט דָאס אִיבֶּער וַוייטֶער פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## אַז דִי מַאמֶע אִיז רֵיין אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ רֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְ אַייעֶר בְּרִיוו.

לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע יֶעדֶע נַאכְט אוּן זַייט זִיךְ מִתְוַדֶּה מִיט דִי נוּסַח קְרִיאַת שְׁמַע

שֶׁל אֲרִיזַ"ל.

קְרִיאַת שְׁמַע אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט נָאר פַּאר מֶענֶער, קְרִיאַת שְׁמַע דַארְפְן אַלֶע לֵיינֶען; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַּאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַּאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תִּשְׁבּוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז "לֹא תִּגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַּאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער; אֵיידֶער אִיר גֵייט שְׁלָאפְן זָאלְט אִיר אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב, קפד:) בְּשָׁעַת אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט גֵייט אַרוֹיף זַיין נְשָׁמָה אוּן עֶס קוּמְט אַ רוּחַ טוּמְאָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף קוּמְט זַיין נְשָׁמָה צוּרִיק, דֶעמָאלְט גֵייט אַוֶועק דִי רוּחַ טוּמְאָה פוּן אִים אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן טוּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ נָאר דוּרְךְ נֶעגְל וַואסֶער.

פְּרוּוּעֶן דַארְפְן נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, ווַייל אַז דִי מַאמֶע אִיז רֵיין אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ רֵיין. אוֹיךְ דַארְף מֶען אָפְּגִיסְן קְלֵיינֶע קִינְדֶער; דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע פֵיגָא דִי נְבִיאָה הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט זִי אִים אָפְּגֶעגָאסְן דִי הֶענְט, אוּן אַזוֹי יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע בֶּעבִּי אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, הָאט זִי אִים אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ פוּן קְדוּשָּׁה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן, נֶעמְט דִי עֵצָה וֶועט אִיר זַיין אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט אַ רוּקְן בַּיין פַאר אַלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

בָּרוּךְ דַיַּין הָאֱמֶת.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נַייעֶס אַז אַייעֶר טַאטֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע בְּשׂוֹרָה פַאר אַלֶעמֶען, בִּפְרַט פַאר אַייךְ מִיט אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אַלֶע זֶענְט אִיר זֵייעֶר צֶעשָׁאקְלְט. בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, שְׁטֶעלְט אַייךְ אַרוֹיס וְוי אַ הֶעלְד, זַייט אַ רוּקְן בַּיין פַאר אַלֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער - זַיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זָארְגְן פַאר זֵיי; אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זָאלְן שְׁפִּירְן וְוי זֵיי הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם טִיר, אַ פְּלַאץ אִין אַייעֶר הַארְץ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס עֶר זָאל טוּן צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר זַיין מַאמֶע׳ס נְשָׁמָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל זָאגְן דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר מִיט כַּוָּנָה; וַוייל יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וָואס זֶעט אוֹיס פַאר אוּנְז וְוי אַ קְלֵיינִיקַייט - אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן אַרוֹיף אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן אוּן אוּנְז אַלֶע טְרֵייסְטְן, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ שֶׁיָּבוֹא וְיִגְאָלֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

...

## לֵייג אַוֶועק דִי אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, אוּן צָאל שְׂכַר לִימּוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד; אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ זֶעסְט אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׁינּוּי לְטוֹבָה. אַלֶע הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן.

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן פַארְוָואס דוּ צָאלְסְט נִישְׁט שְׂכַר לִימּוּד, מֶען זָאגְט מִיר פוּן אָפִּיס אַז דוּ צָאלְסְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימּוּד. עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט נִישְׁט צוּ

צָאלְן שְׂכַר לִימּוּד; לֵייג אַוֶועק דַיינֶע אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ׳, שְׁפִּיל נִישְׁט פָּאלִיטִיק אוּן בַּאצָאל שׂוֹין שְׂכַר לִימּוּד.

אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט מֶען זָאל הַאלְטְן פוּן מִיר, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט קַיין חֲסִידִים; אוֹיף מִיר זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן בְּרוֹגֶז, עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן, אִיךְ וִויל וִויסְן פַארְוָואס דוּ צָאלְסְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימּוּד?

דָא הָאסְטוּ דֶעם חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל דוּ קוּמְסְט:

קֶעמְפּ –

חֵדֶר אוּן סְקוּל –

סַךְ הַכֹּל – 11,195$

...

**חַבֶר זִיךְ נִישְׁט מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, חַבֶר זִיךְ נִישְׁט מִיט בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן מְנוּוָלוֹת; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז אִים פַארְדָארְבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן".

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע צִי דוּ זָאלְסְט טוּישְׁן יְשִׁיבָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת – לֵיידֶער – רֶעדְן בָּחוּרִים נִיבּוּל פֶּה. חַבֶר זִיךְ מִיט אֵיידֶעלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ בּוּשָׁה, זֵיי רֶעדְן נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה. אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת אִיז דָא אַזוֹי אוּן אַזוֹי; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס אִיז דָא בַּיי עֶנְק אִין יְשִׁיבָה אֵיידֶעלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ דִי מִדָּה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען בַּיְשָׁנִים (יְבָמוֹת עט).

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימּוּד מִשְׁנַיוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת"; מִיט מִשְׁנַיוֹת וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת, סַיי דֶער גְרוֹיסֶער גָלוּת אוּן סַיי יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת.

דו קֶענְסְט זיך נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנָיוֹת הָאט און וָואס מִשְׁנָיוֹת טוט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוְוענֶען (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'מִשְׁנָ"ה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

בִּפְרַט אִין דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין מַכְשִׁיל זַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית; וִויפִיל מֶען ווִיל זַיין גוּט און מֶען מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז מֶען גֵייט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הַאלְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אִין אֵיין מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, דַארְף עֶר לֶערְנֶען אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן און נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְּתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ"; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ, כָּל יוֹם עֶרְכּוֹ יָקָר מִשְּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּבְ'עֶר פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער

עֶלְטֶער; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְכַבֵּד זַיין צוּ רֶעדְן נָאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן שְׁרַייבְּן אַז אַלֶעס אִיז גוּט; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען דֶערְצֵיילְן דִי יְשׁוּעָה, נִישְׁט נָאר בֶּעטְן אַ בְּרָכָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיר מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן צַאמְנֶעמֶען דִי פְרוֹיעֶן אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ גֶעבְּן חִיזוּק פַאר פְרוֹיעֶן; וֶוער דַארְף נָאךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק וִוי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי.

דִי פְרוֹיעֶן וָואס שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין אוּנְזֶער מוֹסָד - זֵיי זָאלְט אִיר אַוַדַאי רוּפְן, דִי זֶענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע; אוֹיךְ זָאלְט אִיר רוּפְן אַלֶע וָואס ווילְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט.

גֶעט אַכְטוּנְג עֶס זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען פְרוֹיעֶן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַ מַשֶּׁהוּ אַנְדֶערְשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. זֵייעֶר טְשָׁאלְנְט זָאלְן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר זֵייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; מִיר זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ הֶערְן יֶענֶעמְ'ס בּוֹיךְ וֵויי, יֶענֶעמְ'ס סְבָרוֹת, יֶענֶעמְ'ס חֲלוֹמוֹת אוּן זִיסֶע מְשָׁלִים.

זַייט מְכַבֵּד צוּ רֶעדְן נָאר פְרוֹיעֶן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֵיינְס אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט בֶּעסֶער פוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שְׁרַייבּ בַּיים סוֹף פוּנֶעם תְּהִלִים וֶוען אוּן וִויפִיל מָאל דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אוֹיבּ אִיר ווִילְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מִיט עֶנְק נִיסִים זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ אוּן נָאךְ נִיסִים.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ נַחַת פוּן דִיר אוּן דַיין מַאן; אִיךְ קוּק עֶנְק זֵייעֶר אַרוֹיף, אִיר זֶענְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי מִיר.

וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִים; פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם ״יוֹם תְּהִלִים״ אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט סֵפֶר תְּהִלִים זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיפְשְׁרַייבְּן בַּיים לֶעצְטְן בְּלֶעטְל - וֶוען דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט אוּן דֶעם ווִיפִילְטְן מָאל.

...

### אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר נָאר אֵיין עֵצָה: ׳תְּפִלָּה׳

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן אַנְדֶערֶע עֵצָה גֶעבֶּערְס, אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי הָאבְּן פַאר דִיר אַן עֵצָה; אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר נָאר אֵיין עֵצָה: ׳תְּפִלָּה׳, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט זָאגְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג, אִיךְ הָאבּ שְׁמֶערְצְן אִין מֹחַ; אִיךְ טְרַאכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ טְרַאכְט נָאר שְׁוַוארְץ. אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אִיךְ ווִיל יֶעדֶע רֶגַע נָאר אַנְטְלוֹיפְן פוּן מִיר אַלֵיין. אָנָּא ה׳, אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטְס.

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַ רוּאִיגֶע וַוייבּ פַאר מַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר? אִיךְ הֶער זִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ קְלַאפְּן, דָאס קְלַאפְּט נָאכְדֶעם אוֹיס אוֹיף מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער.

רַחֵם נָא, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער, אִיךְ שְׁטֶעל אַ שֵׁיינֶע פָּנִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג דְרֵיידְט זִיךְ מַיין קָאפּ ווִי אַ וַואשׁ-מַאשִׁין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה.

הוֹשַׁע נָא, הֶעלְף מִיר טַאטֶענְיוּ אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ, אִיךְ בִּין יָא וֶוערְד".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן קַאפִּיטְל כט פוּן תְּהִלִּים, דָאס אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת: "מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַייָ בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַייָ כָּבוֹד וָעֹז: הָבוּ לַייָ כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַייָ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ: קוֹל יְיָ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים יְיָ עַל מַיִם רַבִּים: קוֹל יְיָ בַּכֹּחַ קוֹל יְיָ בֶּהָדָר: קוֹל יְיָ שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר יְיָ אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן: וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיוֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים: קוֹל יְיָ חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ: קוֹל יְיָ יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל יְיָ מִדְבַּר קָדֵשׁ: קוֹל יְיָ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד: יְיָ לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב יְיָ מֶלֶךְ לְעוֹלָם: יְיָ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְיָ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".

צִינְד אַ לִיכְט פַאר מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זָאג דִי תְּפִלָּה מִיט דִי קַאפִּיטְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

...

## דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ וַוייבּ אוּן מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ וַוייבּ. בִּפְרַט אוּנְז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין בַּיים רֶבִּי'ן נָאר דִי וָואס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ; אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן - צוּ וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאצוֹיגְן - הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז דָאס גֵייט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן זָאגְן תּוֹרָה.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? מוֹהֲרַא"שׁ פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ; אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אִיז מֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

מִיטְוָואךְ נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן; בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּם סִיוּם מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; דוּ וֶועסְט נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אַהֵיים גֵיין מִיט פוּלֶע בַּאגַאזְשְׁן חִיזוּק אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

**קוּם צוּם סִיוּם מַסֶכֶת עֵירוּבִין**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר מַאכְן אַ סִיוּם דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת אוֹיף מַסֶכֶת עֵירוּבִין פַּאר אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קוּם מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, עֶס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פַּאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

# בשורה טובה!

די שטארק אויפגעבאפטע וועכנטליכע קונטרסים

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

איז שוין יעצט
דא צו
באקומען
אפגעשיקט

**יעדע
וואך
צו אייער
טיר
אויף די
פאסט**

הערליכע
בריון, שאלות
ותשובות אין
אלע אקטועלע
נושאים אין טאג
טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן
ראש ישיבה
**הרה"ג ר'
יואל ראטה
שליט"א**




פאר די ביליגע
פרייז פון בלויז
**$2.99**
פער וואך

goodpointmediainc@gmail.com

צו סובסקרייבן קענט איר רופן אדער שיקן א טעקסט

**718.387.2691**

קרן הדפסה היכל הקודש

אדער שיקט א אימעיל צו: **subscription@kerenhadfusa.org**

**פילע אידן זענען שוין אויפגעראכטן
געווארן פון די געשמאקע בריון,
פול מיט עצות און חיזוק פאר יעדן
פראבלעם, זייט אויך פון די גליקליכע!**